# פרשת שמות

א. אויפן פסוק כל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ וְכָל הַבַּת תְּחַיּוּן, פרעגט מען ¹), צוליב וואס האט פרעה געדארפט אויספירן: וכל הבת תחיון (מען זאל לאזן לעבן די טעכטער) — ער איז דאך אויסן געווען אז די ניי־געבוירענע זין זאל מען אריינווארפן אין טייך, און דאס וואס וועט זיין מיט די טעכטער האט אים ניט אינ־טערעסירט, און פון דעם וואס ער פירט אויס וכל הבת תחיון איז דאך משמע אז „וכל הבת תחיון" איז אויך א גזירה.

די דערקלערונג דערפון איז: „תחיון" איז דער טייטש און דיוק: איר זאלט זיי לאזן לעבן — באלעבן. די זעלבע מצריים, וועמען פרעה האט אנגעזאגט אז זיי זאלן אריינווארפן אידישע קינדער אין טייך, בכדי אפ־צוטויטן ר"ל זייער גוף, האט ער זיי אויך אנגעזאגט אז די שארית הפליטה קינדער וועלכע וועלן בלייבן לעבן (בגשמיות), זאלן זיי — די מצריים — מחי' זיין זיי — דערציען אין זייער דרך, אין לעבנסוועג פון מצרים, בכדי אפצוטויטן ר"ל זייער נשמה.

דערמיט איז אויך פארשטאנדיק דער שינוי הלשון, וואס צו די אידי־שע מילדות האט פרעה געזאגט נאר וועגן ניט טשעפען די בנות — כדי לייכטער אויסצופירן ביי זיי די גזירה פון אפטויטן די זין — אבער זיי האט ער ניט געזאגט תחיון — נאר וחי' — זי זאל בלייבן לעבן. און פון דעם וואס די תורה זאגט ביידע גזירות צוזאמען, אין דעם זעלבן פסוק, איז א ראי' אז דער „וכל הבת תחיון" איז ניט קיין קלע־נערע גזירה פון „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו", אפטויטן ר"ל די נשמה איז אזוי הארב ווי אפטויטן דעם גוף, און נאך ערגער. ווייל ²): קשה מיתה רוחנית יותר ממיתה גשמית — א גייסטיקער טויט איז ערגער פון א קערפערלעכן טויט.

ב. די דערמאנטע גזירה פון וכל הבת תחיון, צו דערציען אידישע קינ־דער אין לעבן־קאך פון מצרים, איז אויך מרומז אין דעם כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו.

דער טייך נילוס איז געווען די עבודה זרה פון מצרים, צו וועמען די מצריים האבן געדינט. די פשוט'ע סיבה איז געווען, ווייל נילוס איז גע־ווען זייער קוואל פון פרנסה. אין מצרים גייט ניט קיין רעגן און די פעלדער ווערן אנגעטרונקען פון דעם טייך נילוס.

און דאס איז היאורה תשליכוהו, וואס באדייט צוויי ענינים: א) גלות מצרים בגשמיות — אפטויטן ר"ל דעם אידישן גוף. ב) גלות מצרים ברוחניות — אריינווארפן זיי אין דער עבודה זרה און תענוג פון מצרים — אפטויטן ר"ל זייער נשמה. ווארום יאור באשטייט פון וואסער וואס דאס איז דער ענין פון תענוג (ווייל מים מצמיחים כל מיני תענוג ³)).

1) זע שמות רבה פ"א, יח.

2) דרך חיים פ"א (בשינוי לשון). זע אויך פירוש רש"י דברים כג, ט: „המחטיא לאדם קשה לו מן ההורגו".

3) תניא פ"א.

ג. גלות מצרים איז אַ שרש צו אַלע גלות'ן 4). וואָס פון דעם איז פאַרשטאַנדיק, אַז די גזירות וועלכע זיינען געווען אין גלות מצרים, זיינען פאַראַן אין אַלע גליות, אויך אין איצטיקן גלות, און אויך אין אונזער דור.

אויך היינט איז דאָ דער פרעה מלך מצרים, ד. ה. די בעל־הבתישקייט און הנהגה פון דער לאַנד, וועלכע טענה'ט, אַז מען זאָל אַריינוואַרפן אידישע קינדער אין טייך פון מנהגי ונמוסי המדינה, די קינדער זאָלן זיך טונקען און זיין דערטרונקען אין טייך, וואָס לויט זייער מיינונג גיט דאָס די פרנסה.

און מען זאָל איינמויערן אידישע קינדער אין די ווענט פון פיתום און רעמסס, ד. ה. אַריינטאָן זיי אין די ענינים וועלכע זיינען די שטאַרקייט, און דער הויפט־קאָך פון דער מדינה.

דאַרף מען וויסן, אַז די אַלע טענות פון „הבה נתחכמה לו — לאלקיהם 5)" קומען פון פרעה מלך מצרים, וואָס וויל, עס זאָל ניט בלייבן קיין שריד ופליט, ר"ל, פון אידישקייט, פון אידישע נשמות, און דורך דעם אויך פון אידישע גופים.

ובמילא, דאַרף מען זיך שטעלן מיט דער גרעסטער שטאַרקייט אַנטקעגן זיינע גזירות און מחנך זיין די קינדער ברוח ישראל סבא.

ד. לפועל מיינט דאָס:

בשעת עס האַנדלט זיך וועגן דערציען קינדער, דאַרף מען ניט און מען טאָר ניט פאַרטרינקען זיי אין דעם נילוס — עבודה זרה פון לאַנד. מען טאָר ניט דערטרינקען ר"ל די קינדער אין דעם „תכלית"־זוכן. דער איינציקער וועג צום לעבן איז דער פולשטענדיקער חינוך אין אונזער תורה — תורת חיים.

עס איז ניטאָ וואָס צו קוקן אויף אַנדערע עלטערן, וואָס זייערע קינדער וועלן אויסוואַקסן פאַרזאָרגטע, דער וועט האָבן אַ הויז, דער אַ קאַר, דער וועט זיין אַ דאָקטאָר, דער אַ לאָיער, און דער וויניקסטנס אַ שידפוצער. אָבער אַז זי וועט שיקן איר קינד אין אַ ישיבה, וועט ער זיין אַ בטלן, ער וועט ניט קענען אַפילו פוצן קיין שיך, ער וועט גאָר ניט וויסן ווי מען האַלט אַ בערשטל אין האַנט.

דאַרף מען וויסן אַז דער אויבערשטער איז דער זן ומפרנס לכל, און אַז מען וועט טאָן וואָס ער וויל — ושננתם לבניך ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך — וועט ער טאָן וואָס מען בעט ביי אים — פאַר זיך און פאַר די קינדער.

מען דאַרף אָפּגעבן דעם קינד צו אַ מלמד וואָס איז אַליין אַ לעבעדיקער דורך תורתנו תורת חיים און וחי בהם — אין די מצוות פון תורה, און דער מלמד זאָל אַזוי דערציען די קינדער אויפן לעבנס־וועג פון תורה ומצוות, און דורך דעם דוקא, ראַטעוועט מען די אייגענע קינדער און דורך זיי אויך דעם גאַנצן אידישן פאָלק.

4) בראשית רבה פט"ז. לקוטי תורה להאריז"ל פ' תצא. ד"ה קול דודי תש"ט (סה"מ תש"ט ע' 107).
5) שמות רבה פ"א, ט. סוטה יא, א.



ה. אַזוי ווי גלות מצרים איז דער שורש צו אַלע גליות, וואָס דערפאַר זיינען די גזירות וואָס זיינען געווען דאַן, פאַראַן אויך היינט, ווי אויבן־דערמאָנט, אַזוי אויך וועגן דער גאולה שטייט 6), כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, אַז די גאולה העתידה וועט זיין ענלעך צו גאולת מצרים. דאָס הייסט, אַז אויך די הכנות און ענינים וואָס ברענגען די גאולה, דאַרפן זיין ענלעך צו די זעלבע ענינים וואָס האָבן געבראַכט גאולת מצרים.

אויף גאולת מצרים שטייט 7), בשכר נשים צדקניות שהיו באותו הדור נגאלו אבותינו ממצרים. וואָס האָבן געטאָן די נשים צדקניות? זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ דור פון אידן, בשעת גזירת פרעה, האָבן זיי גע'טענה'ט 8), אַז מען דאַרף זיך ניט רעכענען מיט פרעה'ס גזירות, פון כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו, וויבאַלד אַז דער אויבערשטער האָט געהייסן, דאַרף מען טאָן ווי דער אויבערשטער האָט געהייסן, ניט מאַכנדיק קיין חשבונות וואָס וועט זיין דער תכלית פון דעם. ובשכר פון די נשים צדקניות זיינען אונזערע אבות אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים.

אַזוי אויך איצטער, בכל מדינה ומדינה, ובפרט אין אַמעריקע, דאַרף מען ניט לייגן קיין אַכט אויף דעם קאָך פון דער מדינה, און מאַכן חשבונות וואָס וועט זיין דער תכלית וכו'. מען דאַרף מחנך זיין די קינדער ווי דער אויבערשטער האָט געהייסן.

6) מיכה ז, טו.
7) סוטה יא, ב.
8) שם יב, א.

און דער אויבערשטער וועט פאַרזאָרגן די קינדער און אויך די עלטערן.

דוקא דורך דעם וואָס מען רעכנט זיך ניט מיט גזירת פרעה, ראַטעוועט מען די אייגענע קינדער און מען ברענגט אויך די גאולה כללית צום גאַנצן אידישן פאָלק, דורך משיח צדקנו, בקרוב ממש.

(משיחות הגה"פ, תשי"ב, תשי"ד)

ו. אויפן פסוק כל הבן גו' תחיון, שטייט אין הגדה, ואת עמלנו אלו הבנים שנאמר כל הבן גו' תחיון.

די ראי' „שנאמר" איז ניט אַז עמלנו גייט אויף בנים (ע"ד ווי די „כמה שנאמר'ס" ביי די אַנדערע לימודים), ווארום אויף דעם איז ניטאָ קיין ראי' פון דעם פסוק, די ראי' איז אין אַלגעמיין, אַז ס'איז געווען אַ צרה וועגן בנים. אָבער אויף דעם אַז בנים איז אַן עמל — ברענגט ער ניט קיין ראי'.

און וויבאַלד ער ברענגט ניט אויף דעם קיין ראיות, איז משמע אַז דאָס איז אַ דבר פשוט, און וויבאַלד אַז דאָס איז אַ דבר פשוט, דאַרף מען אויף דעם ניט האָבן קיין לימוד פון אַ פסוק.

ז. דאָס לערנט אונז:

בכדי אַז קינדער, און אַזוי אויך תלמידים (וואָס ווערן אָנגערופן בנים — כדרשת הספרי 9)) זאָלן זיין ווי עס דאַרף צו זיין, מוז זיין עמל, מען מוז אויף דעם האָרעווען.

ווען איינער האָט געהאָרכזאַמע קינ־

9) אויפן פסוק ושננתם לבניך. דברים ו, ז.